ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## י"ט שבט תשס"ו

## פרשת יתרו

טייערע קינדער שלוחים,

קראון הייטס ווערט אנגעפאקט. אלע קינדער קומען אהיים!! דעם שבת איז די כינוס השלוחות לכבוד כ"ב שבט, די יארצייט פון רביצין חי' מושקא. מסתמא אסאך פון אייך וועלן זיין אין קראון הייטס אויף דעם כינוס, צוזאמען מיט אייערע מאמעס. מיר קענען ניט ווארטן אייך צו זען!

איך בין זיכער איר וועט זייער הנאה האבן פון דעם שיינע פראגראם וואס וועט זיין פאר די קינדער שלוחות! עס איז גוט פאר אייך צו האבן דעם געלעגנהייט צו זיין אין 770, דאווענען ביי דעם רבי'נס אהל, און בכלל צו זען אזוי פיל אנדערע שלוחות און אלע אייערע משפחות וואס קומען זיך צוזאמען.

קינדער, מיר האבן אסאך צו לערנען פון רביצין חי' מושקא, ווי איר וועט ווייטער לייענען. דורך דעם וואס מיר וועלן זיך פירן אין אירע וועגן, וועלן מיר שוין זוכה זייך צו משיח, מיר וועלן זיך שוין זען מיטן רבי'ן און רביצין חי' מושקא און האבן דעם כינוס אין ירושלים!!

א. וועכטער



## משיח נאו!

אין שיחות פון בא און בשלח אין יאר תשנ"ב האט דער רבי ערקלערט וואס עס שטייט אין פרשה ווי די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים און האבן געזונגען שירה צו דעם אויבערשטער. די מענער האבן געזונגען שירה מיט משה רבינו און די פרויען האבן געשפילט מיט מרים הנביאה אויף זייערע תופים– "טאמבארינס". פון וואנען האבן די פרויען געהאט תופים אין מדבר?

ענטפערט מען אויף דעם אז דורך די שווערע צייטן פון מצרים האבן די פרויען געהאט אמונה אין די רייד פון משה רבינו און האבן צוגעגרייט תופים וואס זיי וועלן נוצן ביי דעם גאולה! און ווער האט דאס געפירט? מרים - וואס איר נאמען מיינט מר– ביטער. אין צייט פון גלות, האט מרים געפילט צוויי זאכן– ביטערקייט אויף דער גלות, און די שטארקע אמונה אויף דעם קומענדיקע גאולה.

מיר דארפן לערנען פון דעם, אז מיר דארפן פילן צוויי זאכן. פון איין זייט, דער צער פון דעם גלות, און שרייען "עד מתי!?", און פון צווייטן זייט, האבן שטארקע אמונה אין די רייד פון דער רבי אז "אט אט קומט משיח" און גלייך יעצט פילן די שמחה אויף דעם!!



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת יתרו

אנכי ה' אלקיך

די עשרת הדברות הויבן זיך גלייך אן מיט: "**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים**" (איך בין דיין ג–ט וואס האט דיר ארויסגענומען פון ארץ מצרים).

צום אלעם ערשטן זאגט דער אויבערשטער צו יעדער אידן, און ספעציעל אידישע קינדער פון "צבאות השם":

אנכי ה' אלקיך" - איך בין דיין ג–ט, דיין שטארקייט!

און - "**אשר הוצאתיך מארץ מצרים**": איך אליין האב דיר ארויסגענומען פון גלות, פון ארץ מצרים.

דאס איז אויך אן אנווייזונג פאר אלע אידן אויף אלע צייטן.

א איד קען ביי זיך פרעגן: מיט וואס פאר א כח קען מען איבערקומען דעם גלות און צוגרייטן זיך אויף אויפנעמען משיח'ן, "**נאו**"?

ענטפערט די תורה, אז דער אויבערשטער אליין האט זיך פארנומען מיט ארויסנעמען די אידן פון מצרים, און וויבאלד "**בכל דור ודור (וכל יום ויום) חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא (היום) ממצרים**" (אין יעדער דור דארף א איד זיך באטראכטן ווי ער אליין גייט ארויס היינט פון מצרים) - איז דאך זיכער, אז אויך איצט, וועט דער אויבערשטער אליין, דער "קאמענדער–אין–טשיף" פון "צבאות השם", ארויסנעמען יעדערן פון אונז צוזאמען מיטן גאנצן אידישן פאלק פון גלות!

(פון דער רבי רעדט צו קינדער שיחת י' סיון תשמ"ב)

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דערציילט מיר א מעשה

## דער רביצין

הרב חסד הלבערשטאם דערציילט:

פיל מאל האב איך געהאט דעם זכות פארן מיט רביצין חי' מושקא. איך האב פיל מאל מיטגעבראכט מיין זון ארי(הי"ד), און רביצין חי' מושקא פלעגט שפילן מיט אים. איין טאג, ווען מיר זיינען געווען נאנט צום פארק, האבן מיר באמערקט אז די נארמאלע וועג ווי מיר זיינען אלעמאל געגאנגען איז געווען פארמאכט. מיר האבן געפונען אן אנדערע גאס און אזוי זיינען מיר געפארן. ווען מיר האבן דורכגעפארן, האבן מיר געהערט די געשריי פון א פרוי. ווען מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי די ליכט האט די רביצין זיך געדרייט צו מיר און זי האט געזאגט, "ביטע גיי צוריק, איך וויל וויסן פארוואס די פרוי האט געשריען".

מיר זיינען צוריקגעפארן, און מיר האבן געזען א פרוי וואס שטייט און וויינט, און לעבן איר זיינען פיל ארבעטערס וואס האבן געשלעפט די מעבל און אלע אנדערע זאכן פון איר שטוב. דער רביצין האט מיר געבעטן אויסצוגעפונען וואס איז געשען. איך האב געפרעגט און איך האב אויסגעפונען אז די פרוי האט ניט באצאלט שכר דירה, און מען שיקט איר ארויס.

ווען איך האב דאס דערציילט צום רביצין האט זי מיר געבעטן צוריקגיין און פרעגן וויפל די פרוי איז שולדיק און אויב ער איז גרייט נעמן א פריוואטע טשעק. איך האב געטאן וואס זי האט געבעטן און איך האב אויסגעפונען אז זי איז שולדיק $6,700. די מענטש האט געזאגט אז ער איז גרייט נעמען א פריוואטע טשעק און אויב מען וועט געבן די געלט וועט ער מאכט זיכער אז די מענטשן וועלן צוריק אריינברענגן אלע זאכן אין שטוב.

ווען איך האב דערציילט אלע פרטים צום רביצין, האט זי גענומען איר טשער-בוך אן האט גלייך געשריבן א טשעק פון די גאנצע געלט - $6,700!

גלייך האט דער רביצין מיר געבעטן אוועקפארן איידער די פרוי וועט באמערקן ווער עס האט געגעבן די געלט. איך האב ניט געקענט גלויבן וואס איך האב געזען. איך האב געפרעגט ביים רביצין וואס האט איר געשטופט געבן אזוי פיל געלט צו איינעם מיט וועמען זי איז אינגאנצן ניט באקאנט.

"דו ווילסט באמת וויסן?" האט דער רביצין געפרעגט.

"יא" האב איך גלייך געענטפערט.

"ווען איך בין געווען א קליין קינד, האט מיין טאטע מיר איינמאל גענומען אין פארק. ער איז געזעצן מיט מיר און האט מיר דערציילט וועגן השגחה פרטית. 'יעדער מאל,' האט מיין טאטע געזאגט, 'וואס עפעס געשעט וואס איז ניט די נאטורעלע זאך, זאל מען וויסן אז עס איז פאראן א סיבה אויף דעם. יעדער מאל וואס מען זעט עפעס, איז פאראן א סיבה פארוואס מען האט דאס געזען.'

"היינט", האט דער רביצין פארענדיקט" ווען איך האב געזען אז די נארמאלע גאס איז געווען פארמאכט, האב איך געטראכט אויף מיין טאטע'ס ווערטער, און איך האב געטראכט צו זיך, יעדן טאג פארן מיר דורך דעם זעלבן גאס, און היינט איז דאס פלוצלונג פארמאכט. וואס איז די סיבה אויף דעם? וויאזוי איז דאס פארבונדן מיט מיר? יעמאלט ווען איך האב געהערט די געשריי פון די פרוי האב איך פארשטאנען אז מיר זיינען געקומען די וועג צוליב א סיבה..."

---

פון איר אויסערגעוויינליכע ביטול...

איינמאל האט רביצין חי' מושקא געזאגט צו איינער, "מיר האבן א טאץ פון צמח-צדק וואס הארנשטיין האט אונז געגעבן א מתנה. אבער איך האב דאס ניט גענוצט אונטער די לייכטער, ווייל ווי קום איך, א פשוט'ע פרוי, נוצן א זוינע זאכן? איך קוק אויף דעם און יעמאלט פיל איך צוגעבונדען צו די משפחה"...

*דער רבי האט געזאגט זייער קלאר אז זי איז זיכער ניט "א פשוט'ע פרוי..."*

נשי חב"ד האבן איינמאל געשיקט בלומען צו רביצין חי' מושקא לכבוד איר יום הולדת. אויף דעם איז געווען א בריוו וואס האט אויך געהאט נעמען פון מענטשן וואס דארפן ברכות, אז מען זאל דאס איבערגעבן צום רבי'ן. איינער האט געגעבן דעם בריוו צו דער רבי. ווען דער רבי האט געפרעגט פארוואס ברענגט מען עפעס וואס שטייט דער רביצינ'ס נאמען צום רבי, האט מען געענטפערט אז די זיינען נעמען פון מענטשן וואס דארפן ברכות. "נו", האט דער רבי געענטפערט, "זי קען אויך געבן ברכות!!"

---

א רויז א שיינע
נשמה א ריינע
צו זען איר, די הארץ ווי עס וויל.
אבער איר שטרעבן
דורך איר לעבן
אז אלץ זאל בלייבן ביי איר שטיל.

אין דעם שטילקייט,
לעבט א שטארקייט,
פון דער רבי'ס שטארקסטע חסיד.
אז אין יעדער ארט,
נאר דער רבי'ס ווארט
ביטול מוחלט צו דעם נשיא!

און מיר אירע קינדער
קוקען אין וואונדער
א פולע לעבן אזוי,
און היינט אויף דעם טאג
ווי דער רבי'נס אנזאג
"והחי יתן אל לבו"

מיט איר, אונזער דוגמא
מען טאנצט צו גאולה
מיט אלעמען, "והיא בתוכם"
"והקיצו ורננו שוכני עפר"
און ווי דער רבי זאגט "והיא בראשם!"

# דעם חסידישן לוח

## כ"ב שבט



## יארצייט פון רביצין חי' מושקא

רביצין חי' מושקא שניאורסאן איז געבארן געווארן כ"ה אדר תרס"א אין די רוסישע שטאט פון באבינאוויטש, לעבן ליובאוויטש. רביצין חי' מושקא איז געווען די צווייטע טאכטער פון דעם פריערדיקן רבי'ן. פון אירע ערשטע יארן האט זי אריינגענומען די קדושה וואס האט איר ארומגענומען אין איר טאטן און זיידן'ס הויז.

י"ד כסלו איז געווען די גרויסע חתונה. רביצין חי' מושקא האט חתונה געהאט מיטן רבי'ן אין ווארשא, פולין. מיר זיינען אלע די רביצין'ס קינדער.

דער רביצין איז געווען דעם רבינ'ס גרעסטן חסיד. זי איז דער וואס האט געשטופט דעם רבי'ן אנצונעמען די נשיאות ווען זי האט געזאגט, "זאלן 30 יאר פון מיין טאטן'ס מסירת נפש זיין אומזיסט?" קינדער, רביצין חי' מושקא האט געוואוסט אז דאס מיינט אז זי גיט איר מאן צו די חסידים, און נאך אלס איז זי געווען דער וואס האט דאס געבעטן פון רבי'ן. רביצין חי' מושקא האט באוויזן איר שטארקייט אלס חסיד אויך אין דער אורטייל פון די ספרים. ווען מען האט איר געפרעגט וועגן די ספרים האט זי געזאגט "מיין טאטע און די ספרים באלאנגען צו חסידים!" איר קלארע ענטפער האט געמאכט א גרויסן איינדרוק אויפן ריכטער און איז געווען איינע פון די שטארקסטע סיבות פון דעם נצחון.

דער לעבן פון רביצין חי' מושקא האט זיך אויך געענדיקט אין א הייליקער וועג. א קורצע ווײַלע איידער זי איז אוועק, האט זי געבעטן א גלאז וואסער. נאכדעם וואס זי האט געזאגט די ברכה "שהכל נהי' בדברו" האט זי צוריקגעגעבן איר ריינע נשמה צום אויבערשטן. פופצען טויזנט מענטשן זיינען געקומען זעגענען זיך פון איר ביי איר לווי'.

אויפן טאג פון דעם לוי' האט דער רבי געבעטן אז מען זאל גלייך אויפשטעלן אן ארגון צדקה אויף איר נאמען. קרן החמ"ש (ראשי תיבות פון חי' מושקא שניאורסאהן) איז אנגעהויבן געווארן . דורך די יארן האט דער רבי געגעבן גרויסע סכומים פון געלט פון דעם ארגון פאר מוסדות פאר פרויען, און פאר פרויען ארום דער וועלט וואס האבן געדארפט הילף.

זונטאג כ"ד אדר תשמ"ח איז געווען די הנחת אבן הפינה פאר "קעמפוס חמ"ש" אין אנדיינק פון די רביצין. צום סוף פון דער פראגראם איז דער רבי פלוצלונג געקומען. דער רבי האט געגעבן הרב שם–טוב 470 דאלער - בגמטרי' חי' מושקא– און האט געזאגט, " איך פאר יעצט צום אהל און איך וועל גיין צו איר אויך. היינט ביינאכט איז איר יום הולדת און דאס איז מיין חלק אין דעם נייען בנין."

אין די טעג און חדשים נאך איר הסתלקות האט דער רבי פיל מאל גערעדט וועגן "והחי יתן אל לבו", אז ווען איינער וואס איז נאנט צו אונז איז נסתלק זאל מען אננעמען החלטות איז זייער זכות, בעיקר אין זאכן וואס זיינען געווען זייערע ענינים.

## כינוס השלוחות



דורך די יארן נאך די הסתלקות פון רבצין חי' מושקא הסתלקות זיינען פיל ליובאוויטשער מוסדות אויפגעשטעלט געווארן אין איר אנדענק. פיל מקוואות טראגן איר נאמען, און אסאך זאכן וואס ווערן געדרוקט זיינען אין איר זכות. פיל מיידלאך איבערן גאנצן וועלט טראגן איר הייליקן נאמען חי' מושקא.

אין תשמ"ט, פארן ערשטן יארצייט, האט דער רבי געבעטן אנצוהויבן א כינוס פאר די פרויען. יענע יאר זיינען געווען ארום 400 שלוחות וואס זיינען געקומען צום כינוס פון ארום דער וועלט. לכבוד דעם כינוס האט דער רבי גערעדט א שיחה נאר פאר די שלוחות און זייער קינדער אין 770. דער רבי האט גערעדט וועגן די זכות פון זיין א שלוחה, און ווי וויכטיג עס איז צו טאן דאס בשמחה. דער רבי האט אויך גערעדט וועגן מאכן אונזערע הייזער מקדשי מעט.

דעם יאר, תשס"ו, וועלן מער ווי 1600 שלוחות בעז"ה קומען צום כינוס פון מער ווי 65 מדינות איבערן וועלט. קינדער, לאמיר אננעמען א החלטה לכבוד רביצין חי' מושקא און מאכן דעם כינוס שוין אין ירושלים!

## א הוראה פון דער נאמען פון רביצין חי' מושקא

חי' מיינט לעבן. דעם רביצין'ס לעבן איז געווען פול מיט מצוות און מעשים טובים.

מושקא מיינט בשמים אין אן אנדערע שפראך. אונזערע חכמים ערקלערן אונז אז די חוש פון שמעקן ברענגט אסאך הנאה צו אונזער נשמה.

כ"ב שבט איז דעם יארצייט פון די רביצין. דעם נומער כ"ב איז א רמז צו די כ"ב אותיות פון די א–ב. אונזערע חכמים ערקלערן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט נוצנדיג די אותיות. די א–ב איז די וועג ווי דער אויבערשטער גיט חיות צו דער וועלט.

פון דעם רביצינ'ס נאמען און די טאג פון איר יארצייט, לערנען מיר א הוראה פאר אונז אין אונזער לעבן. מיר זאלן אנפילן אונזערע טעג מיט גוטסקייט און חסד. מיר זאלן דאס טאן מיט חיות, און אזוי ברענגען הנאה צום אויבערשטן, און פארשפרייטן ג-טלעכקייט אפילו אין די נידעריקסטע פלעצער פון דער וועלט.

מיט דעם וואס יעדער איד וועט ארבעטן אין די ריכטונג, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!